שיעורי

# הלכה ישרה

בעזהשי"ת

# דיני ממונות

## המצויים

הלכה
היינטיגע צייטן
באידיש

שיעור ל"ט | פרשת בהעלותך תשפ"ה

### הלכות ממונות הנוגעין ביהודי ובגוי

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

**אמר כבוד אדמו"ר הרב הקדוש מוה"ר מנחם מענדל מרימענאוו** על מה שהוא מן התימה, שאנחנו רואין כמה פעמים ילדים שבקטנותם הולכים לבית רבם ומתמידים בלימוד תורתם, מתפללים בכוונה ועונים יש"ר ואמן, ומיישרים אורחותם, ואח"כ כשמתגדלים, מתהפכים ח"ו במדות גרועות ומבטלים התורה והתפילה וכיוצא, ומאין יתהווה זה, הרי התורה שלמדו בקטנותם – והוא 'הבל שאין בו חטא' (שבת קיט, ב) – היה מהראוי שתעמוד למשען להם, ויוסיפו אומץ בנפשותם כי מצוה גוררת מצוה.

**ואמר** הוא ז"ל, שהוא בגלל שאבותיהם האכילו אותם 'ממון גזל' שסיגלו לעצמם ע"י משא ומתן שלא באמונה, וכך נתפטמו בניהם באיסורים, ושב להם לבשר מבשרם, ובזה נולדו להם תאוות ומדות גרועות (עפ"י אגרא דפרקא אות קכ"ו).

# הלכות ממונות הנוגעין ביהודי ובגוי

## דיני הורדת מחיר גבי פועל גוי

### א. טעקסי, קאר סערוויס:

לפני הנסיעה, אסור להטעות בעל טעקסי וקאר סערוויס במחיר, כגון לומר שהדיספעטשער (Dispatcher) קבע סכום יותר קטן ושעל סמך זה הוא לוקח אותו, ואיסורו משום 'גניבת דעת' (רכ"ח ס"ב).

❖ אבל אחר הנסיעה – מותר להטעותו, כגון לומר: הלא הוסכם בינינו מחיר קטן יותר (מדין 'עושק שכיר גוי'; שועה"ר ז, ד).

❖ וה"ה שמותר להטעותו שזמן ההמתנה (Waiting Time) היה קצר יותר, באופן שאינו חושד שהוא משקר.

### ב. לבטל (Cancel) טעקסי:

מותר לבטל (Cancel) הזמנת טעקסי – אפילו כשיש הפסד לדרייווער הגוי (כגון טעקסי לנסיעות רחוקות (Long Distance) שמזמינים מראש), ומותר לבטל אף שהגוי כבר התחיל במלאכתו (דהוי רק 'גרם הפסד' לגוי, וגם אין דין 'קנין' ו'התחלת מלאכה' בגוי כמו בישראל; ריטב"א בפתחי חושן).

❖ אך כ"ז דווקא במקום שאין חילול השם, כגון שהטעקסי אינו יודע שהוזמן ע"י יהודי, וכמו"כ אינו ניכר באדרעס (Address) שזה בית של ישראל וכדומה.

- ❖ אולם בהזמין פועל בעל מלאכה כדי לעשות למלאכה בביתו – ובסוף נודע לו שיש מי שלוקח פחות למלאכה ההיא, אסור לבטל (Cancel) ההזמנה – כאשר יש הפסד לגוי, כי אז יודע הפועל שהוזמן ע"י יהודי או לבית של ישראל, ואיכא חילול השם.

## ג. פועל ישראל:

לא כן בבעל מלאכה יהודי – שאצלו אסור לבטל העבודה **כשכבר התחיל במלאכה**, או אפילו כשלא התחיל, **כשיפסיד עבודה אחרת** בשביל זה.

## ד. גוי בעל מלאכה - בבנייה או תיקון חפצים:

שונה הוא דין פועל גוי **שמכניס מאטריאל** (Parts, Materials) בעת הבנייה או התיקון, כגון מעקעניק (Mechanic), פלאמבער (Plumber), או קאנטראקטור (Contactor), ושם חייב לשלם תיכף בגמר מלאכה, ואסור למנוע ממנו התשלום, כי אם לאו – **הרי זה כ'אונאה' על מקח** (ש"ך שמ"ח סק"ג).

- ❖ אבל אם זקף לו התשלום כחוב, דהיינו שאינו צריך לשלם לפני זמן או יום מסוים, הרי שבאופן זה מותר לכחש בחובו (מדין 'הפקעת מְלווה'), ודווקא באופן שאין חילול השם, כגון שהפועל אכן מאמינו באמת (שמ"ח ס"ב).

## ה. פועל גוי שאינו מכניס מאטריאל בעבודתו:

פועל גוי שאינו מכניס מאטריאל (Parts, Materials) בעת הבנייה או התיקון, כגון מנקה (Cleaner) או בעל מלאכה שעשה תיקון בבית הישראל, מותר לכחש בחובו (מדין 'הפקעת מְלווה'), ודווקא באופן שאין חילול השם.

# דיני פועל ובעה"ב – בישראל וגוי

## ו. פועל יהודי בשביל גוי:

יהודי שעובד בשביל גוי או חפציו, צריך ליזהר:

- ❖ שלא לעשות מלאכה עם חסרונות או לא בשלמות, ואז לבקש תשלום מלא.
- ❖ לא לאחר בזמן או למעט בשעות העבודה – ואח"כ לבקש משכורתו שלימה (מדין 'גניבת דעת'; סי' רכ"ח ס"ב).
- ❖ אסור להתעצל במלאכתו – באופן שנקרא 'מועל בתפקידו' כשעושה כן בעבודה אצל ישראל (שם).
- ❖ אסור לקחת חפצים ממנו (כי 'גזל עכו"ם' אסור).

## ז. פועל גוי אצל יהודי:

מותר לעכב תשלום של גוי ולומר שאינו חייב לו כלום, אולם רק באופן שאין חילול השם, כגון ביורשי הפועל.

❖ אבל אסור לכחש לפועל עצמו, משום חילול השם, שהרי הוא עצמו יודע שהישראל חייב לו דמי משכורתו (שמ"ח ס"ב, הרב שם).

## ח. פועל יהודי ששכח לקחת התשלום:

אבל אסור לעכב תשלום של פועל יהודי - אפילו לא הגיע לקחתו, כגון שטעה לחשוב שכבר קיבל שכרו וכדומה, וגם צריך לחזור אחריו עד שיקבל כל מה שמגיע לו (מדין 'עושק שכר שכיר').

## ט. לכחש לפועל גוי אחרי עבודתו:

ישראל שהבטיח לפועל גוי באונעס או שחרור (Vacation, Bonus), מותר לכחש ולמנוע זאת ממנו, כגון לומר שאין לו כסף עכשיו ולדחותו ב'לך ושוב', או לומר שיש איסור מטעם הממשלה לעשות כן או ללכת שם וכדומה, וזהו ככל שאין חילול השם.

## י. להטעותו לפני העבודה:

אבל אסור להטעות לפועל גוי **לפני העבודה** ולהבטיח לו באונעס או שחרור כדי שיעשה מלאכה עבורו - כשיש בדעתו לכחש אח"כ ולא לשמור הבטחתו אפילו באופן הנ"ל, כי אז יש איסור של 'גניבת דעת', שעובד עבורו חינם (רכ"ח ס"ב).

# **לעכב תשלום עבור מקח או שירות** (Service)

## יא. לבטל תשלום של קרעדיט קארד (Credit Card Dispute):

אסור לבטל תשלום של קרעדיט קארד אחרי שקיבל החפץ, אפילו זה מקאמפעני שידוע שהוא של הגוי, משום 'להטעותו על המקח' (ש"ך שמ"ח סק"ג).

❖ אמנם אם זה מחנות שזקפה עליו החוב למִלווה, דהיינו שישלם לאחר זמן או יום מסוים, אז מותר לבטל תשלום הקארד, וכל זה דווקא ברשת חניות (Chain-Store) שבעה"ב ופועליו (Cashiers) אינם מכירים את הלקוח היהודי.

❖ אבל בחנות פרטית של גוי, אסור למנוע ולבטל תשלום הקארד (Credit-Card Dispute), כי הגוי יודע שהישראל חייב, ו'הפקעת חוב' במקום שיש חילול השם - אסורה לכל הפוסקים.

## יב. תשלום חוב של קרעדיט קארד או של באנק:

אף שמעיקר הדין מותר להפקיע חוב שחייב מקרעדיט קארד או מהלוואות הבאנק - ולומר שאין לו כסף לשלם, וכדין 'הפקעת חוב', אבל היום שכידוע מפי מומחים - יש להם מידע (Data Statistics) מכל המקומות שמרבים לעשות בהם פשיטת רגל (Bankruptcy), הרי שיש חילול השם ברור, ואסור לכו"ע.

## יג. תשלום חוב למַלוה וביזנעס יהודי:

גבי מַלוה יהודי **וביזנעס בבעלות יהודי** - אסור לבטל תשלום (Dispute Credit-Card) בכל אופן או לטעון 'פשיטת רגל' (Claim Bankruptcy), אלא צריך לשלם כל החובות לבעלי חוב יהודים

או לביזנעס שבבעלות יהודי, **וכל זה אפילו באופן שעפ"י החוק היה מותר.**

## יד. לגשת לבית דין לסדר חובותיו:

החייב ממון לִמלוה יהודי או ביזנעס בבעלות יהודי, צריך לגשת לבי"ד לסדר חובותיו, והיאך מותר לחיות הוא ובני ביתו לפני שמשלם כל חובותיו, **כדי שלא יהיה כגזלן בממון ישראל.**

## טו. תשלום על שירות לבית (Utilities):

במקום שאין לו כסף לשלם, יש דרך למנוע תשלום על אלעקטריק (Electricity) ומים באופן שאין חילול השם (ויש לשאול מורה מומחה).

- ❖ אך אם בעת שמסדר העקאונט (Account) ולפני ההשתמשות – הוא מתכוון לעכב התשלומים מהקאמפעני (Electric Co.), ולא תהיה להם דרך לבקש זאת ממנו, כגן שרושם (Set) העקאונט (Account) על שם אחר וכדו', אסור משום 'גזל הגוי' (ש"ך שם).
- ❖ וה"ה שאסור לעשות כן ב'קאלינג קארד' (Calling Card) וכדומה, באופן שיודע מראש שלא ישלם.

## טז. להשתמש בבאס (Bus) בלי תשלום:

אסור להשתמש בכל שירות (Service) של גוי, כגון באס (Bus) וכדומה, באופן שאינו משלם, אולם זה דווקא אם משלמים לפני הנסיעה או באמצע הנסיעה

- ❖ אכן אם משלמים אח"כ – מותר להטעותו, אולם רק באופן שאין חילול השם.

# אבידת עכו"ם

## יז. אבידה בחנות:

מצא חפצים בעגָלה (שאפינג קארט, Shopping Cart):

- ❖ אם נמצא בתוך שק של החנות או עם סטיקער 'שולם' ('PAID' Label), א"כ כבר שילמו ע"ז, והוי 'אבידת עכו"ם' ומותר לקחתו (כי כבר לא שייך לחנות).
- ❖ אך אם מונח סתם בתוך עגלה, הרי זה של החנות – ואסור לקחתו, משום 'גניבת עכו"ם'.

## יח. אבידה בתוך טעקסי:

כל מה שנמצא בתוך טעקסי (קאר סערוויס) **של גוי**, ובעיר שרובה גוים (כמו ניו יורק, ניו דז'שערזי), מותר לקחתו, ואינו בבעלותו של הדרייווער (Driver).

## יט. אבידת טשעק (Check) של גוי:

ישראל שמצא טשעק של גוי:

- ❖ אסור להפקידו (Deposit) ולמשוך הכסף מהבאנק, שכן גונב ממנו ממש מתוך הבאנק-עקאונט שלו, ואין זה 'אבידת עכו"ם'.

- ❖ אבל אם הגוי נתן בטעות טשעק לישראל, מותר לישראל להפקידו (Deposit) ולמשוך הכסף מהבנק, שכן 'טעות עכו"ם' מותר (אע"פ שאמר לישראל 'לך וקח **ממונך**').
- ❖ גוי שנתן טשעק (Check) לישראל בלי כתיבת מספר וסכום, אסור לכזב ולמלאות סכום שקרי (False) או **לתקן** המספרים וכדומה כדי להוציא ממנו יותר.
- ❖ וה"ה גבי גוי שגנב טשעק (Check) של גוי אחר ונתנו לישראל, אסור להפקידו (Deposit) ולמשוך הכסף מהבאנק (כנ"ל בדיני אבידה).

## כ. אבידת גוי במקום חילול השם:

אף שלפי ההלכה – 'אבידת עכו"ם', מותרת, זהו שלא במקום שיש חילול השם, ולכן כאשר גוי'טע או איזה בעל מלאכה שכחו חפץ או כסף בבית הישראל – ומבקשים אבידתם [**ובפרט בגוי'טע שעובדת רק בבתי ישראל, ויודעת שהחפץ נמצא בבית של איזה ישראל**], הרי שיש חשש 'חילול השם' אם הישראל ישקר שלא נמצא כלום, ובאופן זה 'אבידת גוי' אסורה (ועי' הגה"מ גזילה פ"א, שבמקום שיש חילול השם, גזל גוי אף חמור מגזל ישראל).

## כא. דרייווער שליח (Delivery) שהניח בטעות:

דרייווער שליח, כגון דעליווערי של אמאזון (Amazon) וכדומה – שהניח בטעות חבילה ליד **בית פרטי** של יהודי וחזר לבקש אותה, הרי שאם ניכר על בעה"ב שהוא יהודי – ודאי יש 'חילול השם', שהרי יודע שהניחה שם, ויודע שרק בעה"ב היהודי היה יכול לקחתה.

- ❖ אבל אינו מחויב לפתוח הדלת, וכשהגוי עוזב המקום, מותר להשאירה אצלו.
- ❖ אף אם החפץ היה מיועד לשכנו היהודי, אינו צריך ליתן לו (כי עדיין אינו שלו).
- ❖ אבל אם החפץ **נחוץ לשכנו היהודי**, יש ליתן לו מ'לפנים משורת הדין' (כבב"מ לא, ב).
- ❖ אולם אם זה בנין של **כמה דירות ביחד**, אין זה נחשב ל'אבידה', אפילו זה מונח ליד הדלת של היהודי.

## כב. מזיק לגוי:

אסור להזיק רכוש או חפץ של גוי (מדין 'גזילת גוי' – סמ"ע סי' שע"ח סק"א; הרב נזקי ממון א).
ואם הזיקו בטעות, הרי שאם לא ייוודע לגוי ואין חשש חילול השם, אינו חייב לשלם (עפ"י הרמב"ם בדין מזיק טעות; עפ"י הפוסקים שאין 'השבת גזילה' בגוי), כגון:

- ❖ שהזיק הקאר של הגוי בטעות.
- ❖ או שהזיק בטעות חפץ בחנות הגוי בעת חיפושיו – הרי שככל שזה במקום שאין חילול השם (כגון שאין פיקוח ע"י קעמערעס וכדומה), פטור מלשלם.

# פיקדון של גוי

## כג. פיקדון הגוי אצל ישראל:

ישראל שיש לו פיקדון של גוי, מותר לו להשתמש בו (ט"ז יו"ד סי' ק"כ י"א; הרב הל' פסח סי' תע"ב, ובה' גזילה ס"ז בקונט"א ס"ז).

ומחלוקת כאשר הגוי תובע פקדונו וחפציו – אם מותר לעכב ממנו ולומר שנאבד וכדומה, משום 'גזילת עכו"ם' (הרב הל' גזילה סו"ס ד'; נתיבות סי' קצ"ד ז').
ובמקום חילול השם, כגון שהגוי יודע או חושד שאין אמת בפיו, אסור לכל הפוסקים (שמ"ח ס"ב; הרב שם; ט"ז שם).

## כד. קאר וחפצי גוי שברשות הישראל:

ישראל שיש לו פיקדון של גוי, מותר להשתמש בו כנ"ל:

לכן גוי שהפקיד הקאר שלו או חפציו אצל הישראל, מותר להשתמש עם הקאר וחפציו אף בלי רשות (שם).
אם נפחת מדמיו בשעת התשמיש בלי רשות, יש מחלוקת אם חייב לשלם לגוי (הרב ונתיבות שם).

## כה. חפצי גוי מונחים ברשות - אבל 'לא כפיקדון':

קאנטראקטור או בעל מלאכה שמשאיר חפציו בחצר של היהודי במשך זמן העבודה, לכו"ע אסור להשתמש בחפציו (כי אין זה 'פיקדון' – וכ"ה אף לדעת הט"ז יור"ד קכ"א, יא).

# דינים פון אידישער און גוי'שע ארבעטער אדער געלטער - באידיש

### גוי'שע בעלי מלאכה

## א. צאלן ווייניגער פאר'ן גוי'שע קאר סערוויס, גוי'טע אדער בעל מלאכה - נאכן ענדיגן:

אַ גוי וואס ארבעט פאר א איד, איז מותר צו זאגן נאכ'ן ארבעט אז מען האט אפגעשמועסט פאר ווייניגער, אבער נאר אויב די גוי גלייבט דער איד איינגאנצן. צום ביישפיל:

- ❖ אין א פאל וואס אן אנדערע גוי באשטימט די פרייזן (די עסטימעט אויפ'ן ארבעט, אדער וועלעכע ארבעט מען דארף אלץ טוהן – א פרייז אויף א חפץ, א פרייז פאר א טריפ), און דער גוי וואס נעמט די געלט גייט נישט וויסן די אמת.
- ❖ אבער אויב דער גוי קען געוואור ווערן די אמת'ע פרייז, איז אסור אלץ חילול השם.

## ב. באשטימען א נישט אמת'ע פרייז פון פאראויס:

אבער בעפאר דער גוי הייבט אהן די ארבעט, טאר מען נישט אויס'נער'ן און אפמאכן א קלענערע פרייז וואס פארדעם גייט דער גוי ארבעטן, אפילו ווען עס איז נישט דא קיין חילול השם, און אפילו ווען דער גוי גלייבט דעם איד (מדין 'גניבת דעת').

## ג. אפזאגן א גוי:

מען מעג אפזאגן א גוי'שע קאר סערוויס אדער א גוי'שע ארבעטער, אפילו ווען ער איז שוין ארויסגעפארן, און אפילו ווייט ארויס פון שטאט (קאנטרי, עירפארט), אבער נאר אויב מען קען נישט וויסן אז א איד האט באשטעלט, צ"ב א דרייווער פון א גרויסע קאמפעני (אלץ 'חילול השם').

## ד. אפזאגן א אידישע ארבעטער:

אבער ביי איד – ווען ער איז שוין ארויסגעפארן, **איז אסור אפצוזאגן** (כדין פועל שהתחיל במלאכתו, שאסור לבטלו).

❖ אויב דער איד גייט **פארלירן ארבעט דורכ'ן אפזאגן**, איז אויך **אסור** אפילו בעפאר'ן אנהייבן די ארבעט.

## ה. א בעה"ב פאר גוי'שע ארבעטער:

מען טאר נישט צו זאגן פאר'ן גוי'שע ארבעטער א באונעס (Bonus) אדער א וויקאציע (Vacation) ווען דער איד גייט זיך שפעטער ארויסדרייען דערפון, ווייל דער גוי ארבעט פאר'ן איד דורך 'גניבת דעת'.

## ו. אפ'נער'ן דער גוי נאכ'ן ארבעט:

אבער נאכ'ן ארבעט ווען עס קען נישט זיין קיין חילול השם, מעג מען איהם אפשטיפן דורך זאגן אז די ביזנעס דארף איהם האבן ('מען קען נישט יעצט אוועקפארן'), אדער מען קען עס נישט צוליב א גאווערמענט רעגאלציע (Government Regulation) וכדומה.

## ז. פארגעסן צו נעמען זיין אפצאהל:

א גוי וואס פארגעסט אפצונעמען זיין אפצאהל אדער געהאלט, דארף מען איהם נישט אויפמערקן אויף דעם.

## ח. א איד פארגעסט אפצונעמען זיין אפצאהל:

אבער אידישער ארבעטער – **דארף מען איהם אפילו נאכלויפן מיט'ן צאהלן** 'אלעס וואס קומט זיך איהם', אפילו אויב ער קומט נישט נאך נאכדעם, אדער ווען ער מיינט אז מען האט איהם שוין געצאלט.

## ט. 'זהירות' פאר אידישע ארבעטער פון א גוי:

❖ מען זאל נישט מאכן פעלער'דיגע ארבעט אויף זיינע חפצים אדער ביי זיין הויז (מדין 'גניבת דעת').

❖ מען זאל נישט קומען שפעהט, אפילו אויב דער גוי קען נישט וויסן – בפרט אויב באקומט

מען באצאלט פאר אלע שעות.

❖ זיך נישט פוילן מיט'ן ארבעט.

❖ נישט נעמען זאכן פון געשעפט ('גזל עכו"ם' איז אסור).

## פארקלענערן צאהלונגען און אראפמאכן חובות

### י. וואסער און לעקטער (Utilities):

א איד וואס איז שולדיג א חוב פאר די וואסער אדער לעקטער קאמפעני, מעג מען צוברענגן אז זיי זאלן מיינען אז ער איז שולדיג וויניגער (אבער נאר אויב עס קען נישט ארויסקומען א חילול השם; אבער מען זאל זיך דורכרעדן מיט א 'מורה הוראה מומחה' בדינים אלו).

### יא. בעפארן נוצן:

אבער מען טאר נישט נוצן די לעקטער און וואסער, ווען מען ווייסט פון פאראויס אז מען גייט מאכן די צאל וויניגער (אדער דורך זיי אויס'נער'ן), אלץ 'גזילת הגוי' פאר'ן באנוץ.

### יב. אפשטעלן קארד (Dispute Card) ביים קויפ'ן:

מען טאר נישט קויפ'ן א חפץ פון א גוי'שע קאמפעני, און דאן אפשטעלן די קארד גלייך נאכ'ן קויפ'ן.

❖ אבער ווען די קאמפעני האט געלאזט די איד נוצן די זאך און צאהלן שפעטער, מעג מען יא, בתנאי' אז עס קען נישט ארויסקומען קיין חילול השם, צום ביישפייל, ביי גרויסע קאמפעניס וואס קענען נישט די קליענט.

### יג. במקום שיש חילול השם:

אבער ווען די געשעפטן קענען די קליענט, טאר מען נישט אפשטעלן די קארד, אפילו נאך א לענגערע צייט וואס מען מעג זיי זיין שולדיג.

### יד. אפשטעלן קארדס און אידישע געגענטער:

אין פעלער וואס עס איז באקאנט אז זיי מאכ'ן סטאטיסטיקס (Data Statistics) – און מען איז אין א אידישע געגענט:

❖ טאהר מען נישט אפשטעלן קארדס (Dispute Card) שלא כדין.

❖ אויך טאהר מען נישט אריין שיקן באווייזן אז מען האט נישט קיין געלט (Claim Bankruptcy).

### טו. ביי אידישע בעל חוב אדער ביזנעסער:

פאר אידישע געשעפטן און ביזנעסעס, אדער פאר אידישע בעלי חובות, **טאהר מען בשום אופן נישט אפשטעלן קארדס אדער אריינשיקן באווייזן אז מען האט נישט קיין געלט** (Bankruptcy' Claim') .

❖ דאס אלעס 'אפילו עס איז ערמעגליכט דורך די געזעץ'.

## טז. 'מסדרין לבעל חוב' (לעבן עפ"י הלכה ווען מען האט חובות):

אויב מען איז שולדיג געלט **פאר אידישע אייגנטומער און בעלי חובות**, מוז מען גיין צום בית דין צו 'מסדר זיין' די ווער פון אפצאהלן, און וויאזוי מען מעג לעבן און קויפ'ן זאכן פאר זיך און די בני בית ביז די חובות ווערן אפגעצאלט.

- ❖ דאס אלעס – כדי נישט צו זיין א גזלן 'בהיתר' פונעם געזעץ, און באיסור מדין תורה.

**זעה הקדמה פון הרה"ק רבי מענדל מרימענאוו,**
**די תוצאות פון לעבן מיט נישט ערליך געלט**

# אבידת גוי

## יז. קארד אדער טשעק פון א גוי:

**א קארד אדער א טשעק פון א גוי** – וואס מען האט געטראפן אדער באקומען פון אן אנדערע גוי', איז אסור צו נוצן.

- ❖ טאמער דער גוי געבט פאר'ן איד א טשעק (Check) בטעות, מעג דער איד עס יא דיפאזיטן (Deposit), מדין 'טעות גוי'.

**זאכן אין א קאר סערוויס פון א גוי** – געהערט נישט פאר איהם, דערפאר איז מותר צו נעמען אלעס וואס מען טרעפט אין א גוי'שע קאר סערוויס.

## יח. געטראפן אין א גוי'שע געשעפט באצאלטע חפצים:

ווען מען טרעפט זאכן אין א וועגעלע (Shopping Cart) מיט א סטיקער ('PAID') – איז עס מותר, ווייל דאס מיינט אז א גוי האט שוין געצאלט דערפאר, און עס דארט איבערגעלאזט.

## יט. חפצים פון א גוי'שע געשעפט:

אבער זאכן אין א וועגעלע וואס זענען נישט באצאהלט – איז אסור, ווייל דאן געהערט עס נאך פאר'ן געשעפט, ומדין 'גזילת גוי'.

## כ. כלים פון א גוי'שע בעל מלאכה:

א בעל מלאכה וואס פארגעסט כלים ביי איד – ביי א פאל וואס דער גוי האט עס געקענט פארגעסן אויך ביי א צווייטע פלאץ (צ"ב: קלענערע כלים), איז מותר.

## כא. גרעסערער כלים פארגעסן דורך דער גוי:

אבער גרויסע כלים און מאשינען וואס דער גוי ווייסט אז זיי זענען געווען נאר ביים איד, איז אסור ('אבידת גוי במקום חילול השם').

## כב. גוי'טע וואס ארבעט ביי אידן:

א גוי'טע וואס האט פארגעסן אירע חפצים ביי איד, איז אויב זי ארבעט אויך ביי גוים – איז מותר.

- ❖ אבער אויב זי ארבעט נאר ביי אידן, ווייסט זי דאך אז איינער פון די אידן האט אירע זאכן,

דערפאר איז עס אסור מדין 'חילול השם'.

## כג. א פעקל בטעות פונעם דעליווערי:

א גוי'שע דעליווערי וואס לייגט אראפ א פעקל בטעות ביי א איד'ס **פרטית'דיגע הויז**, איז די הלכה ווי פאלגענד:

- ❖ אויב דער גוי **זעהט אז דער איד נעמט עס אריין** אין הויז, איז דאס אסור בוודאי.
- ❖ אויב דער גוי **בעהט עס צוריק**, און דער איד לייקענט אז עפעס איז אפילו אנגעקומען, איז אויך אסור.
- ❖ אבער ווען דער גוי **קלאפט אויפ'ן טיר**, מוז איהם דער איד נישט עפענען.
- ❖ אויב די זאך האט **געדארפט אנקומען צום אידישע שכן** וואס דארף עס האבן וויכטיג, זאל מען עס געבן פאר'ן איד 'לפנים משורת הדין'.
- ❖ אויב האט מען עס שלעכט באהאנדלט און עס איז צובראכן געווארן, איז אויב דער גוי ווייסט נישט דערפון, דארף מען נישט באצאהלן.
- ❖ ביי א **הויז פון עטליכע עפארטמענטס**, הייסט דאס נישט קיין 'אבידה', אפילו אויב עס איז נעבן די איד'ס טיר.

## כד. שעדיגן א גוי'שע חפץ:

עס איז אסור פאר א איד צו שעדיגן א חפץ פון א גוי, מדין 'גזילה'.

אבער אויב עס איז געווען בטעות, דארף מען נישט צאהלן, צום ביישפיל:

- ❖ אן עקסידענט – ווען דער גוי קען נישט געוואור ווערן (בשום אופן).
- ❖ א חפץ וואס איז אראפגעפאלן 'בטעות' אינעם גוי'ס געשעפט בשעת איינקויפן (ווען קעמערעס כאפן נישט אויף).
- ❖ אבער ביים דורך פאהרן אדער פארקן וואו דער גוי ווערט געוואור, איז אסור.

## כה. א 'פיקדון' פון א גוי:

א גוי וואס האט איינגעלייגט א 'פיקדון' ביי א איד, מעג מען זיך באנוצן מיט דעם.

- ❖ אבער אויב האט דער איד **נאר געגעבן רשות פאר'ן גוי צו לייגן זיינע כלים** ביי איהם אין חצר (צ"ב ביי א קאנטראקטאר א.א.וו), דאן הייסט עס נישט קיין 'פיקדון', און מען טאר זיך נישט באנוצן מיט דעם.




# לבקשת ולתועלת הרבים, ייצא לאור עוד פעם בעז"ה בימים אלו: הלכה ישרה הלכות יחוד - ודיני קדושה, למען ידעו את המעשה אשר יעשון

נפלא עריכת ספרים - 1347-455-9957 / 72nifla@gmail.com

קול הלכות שבת האטליין
שבת | יום טוב | חול המועד
דיינים מומחים משיבים ועונים על שאלתכם כל ימות השבוע
929-4 SHABAS
929-474-2227

יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בק"ק ברוקלין יצ"ו
להנצחות והערות או לקבל הגליונות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com